# עמבליאָופּיע

**NYC Health**

## וואס איז עמבליאָופּיע?

עמבליאָופּיע (amblyopia) איז א זעאונג פראבלעם וואס געשעהט ווען איינע פון די אויגן אנטוויקלען זיך נישט נארמאל. עס באווייזט זיך אין די פריע קינדער יארן, און עס קען ערפאלגרייך באהאנדלט ווערן אין א יונגע עלטער נוצנדיג ברילן, א פעטש אויף די אויגן אדער אויגן טראפן. אויב עס ווערט געלאזט אומבאהאנדלט, קען עמבליאָופּיע פירן צו פערמאנאנטע שוואכע זעה קראפט אדער בלינדקייט אין איין אדער ביידע אויגן.

פיר פון יעדע 100 ערוואקסענע האבן א פערמאנענטע שוואכע זעה קראפט צוליב אומבאהאנדלטע עמבליאָופּיע.



## וואס פאראורזאכט עמבליאָופּיע?

**1** אומגלייכע שארפקייט

ווען איין אויג זעהט בעסער פון די אנדערע, נוצט די מוח די בעסערע אויג און 'לעשט אויס' די אנדערע.

**2** אויגן וואס קוקן נישט אין די זעלבע ריכטונג ('סטרעביסמוס')

ווען א קינד'ס אויגן קוקן נישט אין די זעלבע ריכטונג, 'לעשט' די מוח אויס איין אויג צו פארמיידן דאס זעהן טאפלט.

**3** קעטערעקטס און אנדערע פיזישע פראבלעמען

קעטערעקטס (א פארוואלקנטע לענס אין די אויג) אדער אן אויגן דעקל וואס הענגט אראפ זענען ווייניגער פארשפרייט פון אנדערע אורזאכן.



## וויאזוי קענט איר וויסן אויב אייער קינד האט עמבליאָופּיע?

די בעסטע וועג צו אויפכאפן עמבליאָופּיע איז ביי יערליכע באזוכן צו דעם קינדער דאקטאר און ווען זעאונג טעסטס ווערן געגעבן אין סקול.ווארט ביז איר באמערקט א וואנדערנדע אויג אדער א הענגנדע אויגן דעקל איז אפט צו שפעט.

### שריט צו אונטערנעמען

- **אדרעסירן די אורזאך:** פאר פראבלעמען מיט די זעה שארפקייט אדער ריכטונג ווערן ברילן געווענטליך פארשריבן. קעטערעקטס און פיזישע אבנארמאלקייטן קענען מעגליך פאדערן אן אפעראציע.
- **פארשטערקערן די אויג:** די שטערקערע אויג קען פארדעקט ווערן מיט א פעטש אדער געשעטערט ווערן דורך מעדיצין כדי צו גורם זיין אז די אויג וואס איז געשעדיגט פון עמבליאָופּיע זאל ארבעטן שווערער.

**עצה:** ארויפלייגן א פעטש איז געווענטליך פארלאנגט פאר אומגעפער צוויי שעה א טאג. ווייזט ארויס מיטגעפיהל אבער אויך אנטשלאסנקייט ביים שטופן אייער קינד צו טראגן א פעטש.

### צייטן

- **ווען צו אינטערווענירן:** ווי שנעלער אלץ בעסער! ביי די 8 אדער 9 יאר אלט איז די אנטוויקלונג פון די זעאונג כמעט אינגאנצן פארטיג, און עס קען שווער זיין צו שפעט צו באהאנדלען מיט הצלחה.
- **באהאנדלונג צייט:** באהאנדלונג קען דויערן פון עטליכע וואכן ביז א יאר. נאך באהאנדלונג, וועלן אונטערזוכונגען מעגליך זיין פארלאנגט ביז די 9 צו 10 יאר אלט.

מאכט רעגלמעסיגע אויגן אונטערזוכונג אפוינטמענטס פאר אייער קינד. א פריערע דיאגנאזע מיינט מער ערפאלגרייכע באהאנדלונג. רעגלמעסיגע אונטערזוכונגען זאלן זיך אנהויבן צווישן די 6 און 12 חודשים אלט — קיין איין קינד איז נישט צו יונג פאר א פולע אויגן אונטערזוכונג אויב עפעס קוקט אויס אבנארמאל. קינדער אין סקול יארגאנג זאלן אריבערגיין יערליכע אונטערזוכונגען, און רוב אינשורענסעס, אריינרעכענענדיג Medicaid, דעקן די קאסטן פון א פולע אויגן אונטערזוכונג און פון צום ווייניגסטנס איין פאר ברילן.

פאר מער אינפארמאציע, רופט די NYC העלט דעפארטמענט זעאונג פראגראם (NYC Health Department Vision Program) אויף 855-771-3937 אדער באזוכט **nyc.gov/health/vision**.